זייעט אויף דעם גייסט, וועט פון דעם גייסט
9 שניידן אייביק לעבן. לאָמיר נישט ווערן מיד צו טון
גוטס; וואָרום מיר וועלן שניידן אין דער געהעריקער
10 צייט, אויב מיר וועלן נישט מאַט ווערן. דעריבער,
אַזוייווי מיר האָבן אַ געלעגנהייט, לאָמיר טון גוטס
צו אַלעמען, און איבערהויפּט צום הויזגעזינט פון
אונזער אמונה.
11 זעט מיט וואָס פאַר אַ גרויסע אותיות איך האָב
געשריבן צו אייך מיט מיין (אייגענער) האַנט.
12 אַלע, וואָס ווילן מאַכן אַ שיין פּנים אינם פלייש,
צווינגען אייך זיך צו לאָזן מל זיין; בלויז כדי זיי
זאָלן נישט גערודפט ווערן פאַרן בוים(שמואל יחט)[2] פון משיח.
13 וואָרום אַפילו די געמלטע אַליין היטן נישט אָפּ די
תורה; נאָר זיי ווילן, אַז איר זאָלט זיך מל זיין,
14 כדי זיי זאָלן זיך באַרימען מיט אייער פלייש. פאַר
מיר אָבער חָלִילָה זאָל עס זיין זיך צו באַרימען,
אַ חוץ מיט דעם בוים(שמואל יחט)[2] פון דעם האַר אונזערן ישוע
המשיח, דורך וועלכן די וועלט איז געקרייציקט
15 פאַר מיר, און איך פאַר דער וועלט. וואָרום נישט
מילה נישט ערלה איז עפּעס, נאָר אַ נייע באַשאַפונג.
16 און וויפל עס וועלן וואַנדלען לויט דעם דאָזיקן כלל,
שלום אויף זיי און רחמים, און אויף דעם ישראל
פון ג־ט.
17 פון יעצט אָן זאָל מיר קיינער (מער נישט) מַטרִיחַ זיין
קיין מידיקייט, וואָרום איך טראָג אין מיין גוף די
צייכנס פון דעם (האַר) ישוע.
18 דער חסד פון דעם האַר אונזערן ישוע המשיח
(זאָל זיין) מיט אייער גייסט, ברידער. אמן.